

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## סוכות

# צאתכם לשלום, מר. פ.

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## סוכות

# צאתכם לשלום, מר. פ.

"ברררדדדררפפפ!" האט זיך געהערט א קלאנג ווי דער טאטע האט ארייגעהאקט דעם לעצטן נאגל אין די סוכה ווענט. שימי און איציק האבן שוין אנגעהויבן ארויסצושלעפן די סכך.

"ענק זענען ממש מיין רעכטע האנט, שכח קינדער," האט דער טאטע געשמייכלט צו שימי און איציק בשעת זיי זענען ארויפגעקראכן אויפן לייטער צו העלפן אויפדרייען די סכך.

די קליינע יוטי איז געשטאנען פון אונטן מיט א שטעקן אין האנט, "קוק טאטי, איך האב דיר געברענגט א 'סקאך'!"

"אה שכח יוטי," האט דער טאטע געלאכט פון איר תמימות. און שימי איז אראפגעקראכן פון לייטער צו איבערנעמען יוטי'ס 'וויכטיגע' סכך עס צו לייגן צווישן אלע אנדערע סכך אויפן סוכה.

איציק שטייט אויפן לייטער אין דער הייך און באטראכט דער גאנצער גאס פון אויבן און מיטאמאל באמערקט ער א גרויסער 'P' באצייכנט אויפן שכנ'ס צוים ארום זיין הויז. "וואס מיינט דער'P' ?" איז איציק נייגעריג.

דער טאטע האט ארויסגעבליקט צום שכנ'ס הויף, "יא, ביסט גערעכט, איך האב עס קיינמאל פריער נישט באמערקט."

"זיי האבן עס נאר נעכטן ארויפגעלייגט דא," האט שימי געוואוסט צו זאגן. "איך האב געזען ווי די ארבעטערס האבן דאס אינסטאלירט. מר. פאלאדינו האט זיך אויפגעטון אז דאס איז געמאכט געווארן פון שטארקע אייזן וואס קען זיך האלטן פאר הונדערטער יארן."

"ער האט א הערליכע פאלאץ," האט איציק צוגעלייגט, וואס ער האט געהערט פון די אנדערע שכנים. ער האט נארוואס געענדיגט איבערבויען זיין הויז. אלעס דארט איז פון שענסטן און בעסטן. די טייערסטע מעבל און פארגעשריטנסטע 'אפליינסעס'. ער האט דארט פול מיט ראבאטן. ער דארף נאר געבן א דריק אויף א קנעפל אדער ארויסרעדן א ווארט און אלעס טוט זיך פון זיך אליין. ער קען זאגן, "מאך מיר א סטעיק," און א ראבאט קומט צו קריכן און לייגט אים אריין א סטעיק און אויוון. "

"ס'איז אזוי אינטערעסאנט." האט שימי קאמענטירט, "אונז רעדן איבער אונזער שכן'ס פרעכטיגע הויז בשעת מיר בויען אונזער שוואכע סוכה'לע."

"פארוואס זאגסטו, שוואכע סוכה'לע?" האט אים איציק, דער עלטערער ברודער מוסר געזאגט. "טאטי קען זיך גוט אויס אין בויערי. אונזער סוכה קען זיך האלטן א גאנץ יאר!"

"קען טאקע זיין, אבער מיר האבן געלערנט אין מסכת סוכה אז דער גאנצער ענין פון א סוכה איז אז דאס זאל זיין נאר צייטווייליג. די גמרא זאגט אז מען דארף איבערלאזן אונזער

פעסטע הויז און זיך אריינציען אין א צייטווייליגע געביידע. און אפילו אויב א סוכה איז געבויט געגוג שטארק קען עס נאכאלץ זיין כשר, אויב דאס קען געבויט ווערן אויף אן אופן וואס ס׳וועט נישט האלטן צו לאנג.״

״געוואלדיג! און פארוואס איז דאס אזוי?״ פארהערט אים איציק ווייטער.

״הממ, כ׳געדענקט נישט פונקטליך. אפשר אלס אן אנדענק צו די סוכה אין מדבר וואס האט אנגעהאלטן פאר פערציג יאר?״

די קינדער האבן זיך אויסגעדרייט צום טאטן פאר א תשובה, ווען הילכיגע קולות האבן איבערגעריסן זייער שמועס.

״קוק א ׳יאמבילאנץ׳? איז די קליינע יוטי אויפגעשפרינגען.

״אוי אן אמבולאנס,״ האבן די דריי ארויסגעקוקט. ״געוואלד! ווער ווייסט וואס האט פאסירט? אויב ס׳איז א איד זאל ער האבן א רפואה שלימה,״ האט דער טאטע מתפלל געווען צום טאטן אין הימל, ווי ער האט זיך געלערנט פון זיין רבי, הגה״צ רבי אביגדור מיללער ז״ל.




צו אלעמענס איבערראשונג האבן זיי געזען ווי דער אמבולאנס שטעלט זיך אפ אין פארנט פון מה. פאלאנדינו׳ס הויז. און צוויי פארעמעדיקס שפרינגען ארויס מיט א סטרעטשער און א אקסידזשין טאנק זיי זענען פארביי געלאפען דעם גרויסן ׳P׳ איילנדיג זיך אריינצוגיין אין זיין הויז.

ענדליך נאך אפאר לאנגע מינוט האבן זיי באמערקט ווי א פארעמעדיק קומט ארויס פאמעליך מיט אן ערנסטע מינע.

"איז אלעס אין ארדענונג?" האט דער טאטע געפרעגט מיט פארלעגנהייט.

"ליידער נישט. דיין שכן, מר. פאלאדינו איז געשטארבן."

די קינדער האבן געכאפט א שאק פון דער פלוצלינגדיגע בשורה. נאר א מינוט צוריק האט מען גערעדט פון זיין הערליכע פאלאץ און יעצט איז ער מער נישטא. אינדרויסן האט זיך געטון א בהלה און אנלויפעניש פון מענטשן. יעדער האט געוואלט הערן וואס און ווי אזוי האט פאסירט.

ווען אלעס ארום האט זיך ענדליך בארואיגט האבן זיך דער טאטע מיט די אינגלעך צוריקגעקערט צו זייער ארבעט אויפן לייטער, צו אויפהענגען די נוי סוכה.

"איך קען נישט גלייבן וואס דא האט פאסירט," האט שימי זיך געוואנדן צום טאטן, "נאר יעצט האבן מיר גערעדט פון מר. פאלדאדינו'ס גרויסער "P" און אלע 'פענצי' זאכן וואס ער האט אריינגעבאכעט אין זיין פאלאץ און יעצט איז ער מער נישטא. פארוואס האט ער דאס אלעס געטון? ער וועט מער נישט קענען הנאה האבן פון די אלע שיינע זאכן."

"און א צווייטער וועט זיך אריינציען אין דער הויז," האט איציק צוגעגעבן, "קען זיין אז זיין נאמען וועט ניטאמאל זיין מיט א 'P'. און אין הונדערט יאר ארום וועלן זיך אריינציען מענטשן וואס וועלן קיינמאל נישט וויסן פארוואס ס'הענגט דא א 'P'."

"עטס זעטס קינדער. דאס איז דער ענטפער צו ענקער שאלה וואס ענק האבן פריער געפרעגט, פארוואס א סוכה דארף זיין צייטווייליג. און נאך א זאך וועגן הלכות סוכה, אז די סכך דארף זיין גענוג צעשפרייט אז מען זאל קענען ארויסזען די שטערנס פון הימל.

דער טעם איז וויל די מצוה פון סוכה דערמאנט אונז אז מיר זענען דא אויף דער וועלט נאר צייטווייליג און אונזער ארבעט איז בלויז צו דינען השי"ת. אנדערש ווי להבדיל, אונזער נארישער שכן דא, טוען מיר נישט אינוועסטירן אונזער לעבן פאר עולם הזה, נאר אויב דאס קען אונז העלפן אין עבודת השם.

דעריבער וועלן מיר איינמאל א יאר ארויסגיין פון אונזער פעסטער הויז און גיין וואוינען אין א שוואכע סוכה'לע אזוי ווי די עם ישראל אין מדבר, וועלכע האבן געוואוינט דארט אן קיין גראסעריס, און באקוועמע מעבל. און דורכדעם האבן זיי זיך געלערנט אז דאס לעבן דא איז נישט אויף שטענדיג. און מיר, אידישע קינדער, זענען ממשיך צו לערנען דעם לימוד יעדעס יאר סוכות."

א גוט יום טוב!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך 3#**